ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 60

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## די ליגנט אז דער אייבערשטער דארף מיך נישט

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ג' מנחם-אב, שנת תשפ"ה לפרט קטן

טייערער ...

די מחשבות וואס שטורעמען אין מח, אז מען קען נישט תשובה טון, מען איז שוין א פארפאלענער, און כאילו דער אייבערשטער דארף מיך מער נישט וכו' וכו'; די מחשבות לאזן נישט דעם מענטש קומען צו ווערן א צדיק, די מחשבות זענען אזוי געפערליך, עס טוט דערווייטערן דעם מענטש פונעם אייבערשטן.

איך האב געזען אין אשר בנחל, מוהרא"ש זאגט, דאס איז פשט וואס דער רבי זאגט אין די ערשטע אות פון ספר המדות: "מִי שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווער עס וויל זיך צוקלעבן צום אייבערשטן, "עַד שֶׁיֵּלֵךְ בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ מֵהֵיכָל אֶל הֵיכָל", און ער זאל גיין מיט זיין מח זיין מחשבה פון איין פאלאץ צו א העכערע פאלאץ, "וְיִרְאֶה אֶת הַהֵיכָלוֹת בְּעֵינֵי הַשֵּׂכֶל", און זוכה זיין צו זען די היכלות מיט זיינע אויגן, "יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ", זאל ער זיך אפהיטן, "מִלּוֹמַר שֶׁקֶר אֲפִלּוּ בְּטָעוּת", פון זאגן ליגנט אפילו בטעות; זאגט מוהרא"ש, דאס מיינט מען די ליגנט פון טראכטן אז דער אייבערשטער דארף מיך נישט, איך בין שוין פארפאלן, דאס פארשטעלט דאס ווערן נאנט צום אייבערשטן; די שקר מיינט דער רבי, והבן למעשה.

## וואס טוט מען ווען מען האט נישט קיין ברויט צום טיש?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*נעכטן האב איך מיטגעמאכט געפערליכע שרעקליכע בושות, מיין ווייב האט מיר געבעטן צו קויפן ברויט, און איך האב פשוט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א פעקל ברויט. ברוך ה' אז עס איז געווען אנדערע עסן אינדערהיים, געבליבן פון וואס מ'האט איינגעקויפט פאריגע וואך, אבער איך האב נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א פעקל ברויט.*

*איך בין ארויס אין פארק זיך אביסל אויסלופטערן, פרובירנדיג אביסל צו פארגעסן פון מיין שווערע מצב, דערנאך בין איך געגאנגען דאווענען מעריב.*

*א חודש צוריק האב איך שוין נישט געקענט אויסהאלטן די בושות, האב איך געגעבן פאר מיין ווייב א קרעדיט קארד און איר געזאגט אז זי קען עס נוצן וויפיל זי וויל, איך האב געטראכט אז די באנק וועט מיר שוין נאכגעבן, אבער פאקטיש איז נישט אזוי געווען, די באנק האט פארמאכט דעם קארטל, איך האב געבעטן די קרעדיט קארד קאמפאני זיי זאלן צוווארטן אפאר טעג, אבער דער טאג דערנענטערט זיך שוין, און איך האב נישט פון וואו עס צו באצאלן. איך האף צום אייבערשטן אז ער וועט מיר העלפן, ווייל בדרך הטבע זע איך נישט קיין וועג ארויס פון דעם פלאנטער.*

*מיר עסן אום שבת ביי אונזערע עלטערן, דאס מאכט מיר אביסל גרינגער, אבער מיין ווייב וויל עסן שבתים ביי אונז אינדערהיים, און איך האב נישט קיין אנונג ווי אזוי איך וועל דאס קענען באצאלן.*

*איך וועל זיך פרייען צו באקומען עפעס חיזוק און עצות אויף דעם.*

*יישר כח*

**עס איז ערגער צו נוצן קרעדיט קארדס און נישט באצאלן - ווי נישט האבן ברויט צו נעמען אין מויל; ענדערש גיי צאמנעמען געלט ביי אידישע קינדער. אידישע קינדער זענען א הייליג פאלק, זיי געבן צדקה**

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת חיי שרה, כ' מר-חשון, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך קען דיר זאגן וואס מוהרא"ש האט אונז געזאגט, מוהרא"ש האט אונז געזאגט, אז מיר וועלן עוסק זיין אין פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, קונטרסים און גליונות - וועלן מיר האבן שטענדיג געלט אין טאש, עס וועט נישט פאסירן אזא זאך אז די ווייב זאגט: "גיי קויף ברויט" - און מען האט נישט די פאר שקלים צו קויפן ברויט. גיין הפצה איז נישט קיין פארשעמטע זאך; א פארשעמטע זאך איז אז מען נוצט קרעדיט קארדס און מען

באצאלט נישט, ביז מען פארלירט די באגלייבטקייט ביי אלעמען, אבער גיין מזכה זיין אידישע קינדער מיט אמונה און בטחון - איז די שענסטע זאך.

איך ווייס נישט וואס דו טוסט דורכ'ן טאג, צי דו ארבעטעסט צי דו לערנסט אין כולל, עס איז נישט משנה; סיי וואס מען טוט קען מען נאכדעם גיין איידעלערהייט ביי די שטובער אויסטיילן לעבן פאר מענטשן און בעטן צדקה, דעמאלט האט מען אלץ געלט אין טאש.

## אידישע קינדער זענען א הייליג פאלק, זיי געבן צדקה

נוץ נישט קיין קרעדיט קארד אויב דו ווייסט נישט ווי אזוי דו גייסט עס באצאלן. עס איז ערגער צו נוצן קרעדיט קארדס און נישט באצאלן - ווי נישט האבן ברויט צו נעמען אין מויל; ענדערש גיי צאמנעמען געלט ביי אידישע קינדער. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שקלים א, א) אידישע קינדער זענען נתבעים ונותנים, ווען מען בעט זיי - געבן זיי; אידישע קינדער זענען א הייליג פאלק, זיי געבן צדקה; מען דארף נאר ארום גיין צאמנעמען.

## זאג איר "איך ברענג שוין"

דארפסט נישט דערציילן דיין ווייב אז דו האסט נישט קיין איין פרוטה אין טאש, זי וועט זיך דערשרעקן, זי וועט אריינפאלן אין א ביטערניש, זאג איר "איך ברענג שוין", "איך גיי שוין איינקויפן", און ביז דערוויל גיי אביסל ביי די הייזער אדער אין שול, און ווען דו גייסט צאמנעמען - זאלסטו זיך מתבודד זיין און בעטן דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף דיר און דיר געבן שפע.

פארליר זיך נישט, און האב נישט קיין קשיות אויף די אמונה. בלייב שטארק מיט אמונה און בטחון, דער אייבערשטער וועט דיר העלפן, דו וועסט נאך האבן גרויס שפע.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## איז דא אן עצה גרינגער איינצושלאפן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך מוטשע זיך לעצטנס געפערליך מיט'ן שלאפן, עס איז מיר זייער שווער איינצושלאפן, און איך שלאף נישט קיין נעכט. אסאך מאל האב איך אזא לחץ אז איך מוז מארגן אויפשטיין פרי, אז דאס אליין מאכט אז איך זאל נישט קענען איינשלאפן.*

*אפשר האט דער ראש ישיבה שליט"א אן עצה פאר מיר?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ט' סיון, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

נעם אריין אין דיר אמונה - וועסטו ארויסגיין פון אלע דיינע צרות. ווען מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אין זיך, מען לעבט מיט אמונה, מען ווייסט און מען געדענקט אז אלעס איז דער אייבערשטער, נישטא גארנישט אויסער אים, אלעס וואס פאסירט איז ער - דעמאלט ווערט ליכטיג, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל מג, ב): "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", אלע טונקלקייטן גייען אוועק.

## אז מען צווינגט זיך איינצושלאפן - ווערט שווערער דאס איינשלאפן

עס איז דא א סגולה פון רבי'ן צו קענען איינשלאפן, מען זאל טראכטן פון תחיית המתים. דער רבי זאגט (ספר המדות אות אמונה חלק ב', סימן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים", ווער עס קען נישט איינשלאפן, זאל טראכטן פון תחיית המתים; אבער עס הערט זיך פון דיין פראגע אז דו אליינס מאכסט זיך דער פראבלעם, דו צווינגסט זיך צו שלאפן, דאס האלט אפ דעם שלאפן, ווייל דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תלא): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִישֹׁן וְאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן", ווער עס וויל שלאפן און קען נישט איינשלאפן, "הָעֵצָה לָזֶה לְבַל לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ כָּל כָּךְ לִישֹׁן", - זאל זיך נישט צווינגען איינצושלאפן, "כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּכְרִיחַ עַצְמוֹ יוֹתֵר לִישֹׁן, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר מְנִיעוֹת הַשֵּׁנָה", ווייל ווי מער מען צווינגט זיך איינצושלאפן - אלץ שווערער וועט זיין דאס איינשלאפן. "וְעִנְיָן זֶה גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם לִבְלִי לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר", אזוי גייט עס מיט יעדע זאך, מען זאל זיך נישט צעקוועטשן פון גארנישט, "כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּכְרִיחִין עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר לְאֵיזֶה דָּבָר, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר הַהֶפֶךְ דַּיְקָא", ווייל ווי מער מען קוועטשט זיך עס זאל זיין אזוי און אזוי - ווערט נאר פארקערט, עיין שם.

## דו שלאגסט זיך מיט מחשבות

דו קענסט נישט שלאפן פון לחץ, דו טראכסט א גאנצן צייט: 'ווען גיי איך שוין איינשלאפן?' דו פייניגסט זיך: 'פארוואס שלאף איך נאכאלץ נישט?!' 'אויב איך וועל נישט שלאפן - וועל איך נישט קענען אנגיין וכו' וכו''; דו פייניגסט זיך, דו שלאגסט זיך מיט מחשבות, דאס לאזט דיר נישט אנגיין מיט'ן לעבן.

פאלג דעם רבי'ן, הער אויף זיך דרוקן; אז דו קענסט נישט שלאפן - זאלסטו ליגן אין בעט מיט פארמאכטע אויגן. מען דארף נישט שלאפן, עס וועט גארנישט פאסירן אז דו וועסט נישט שלאפן; ליגן אין בעט - רוט אויך אויס. דער רבי זאגט, ליגן אין בעט מיט פארמאכטע אויגן איז אזוי ווי שלאפן, עס געבט כח, מען ווערט אויסגערוט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**וואס איז די יסוד פון הצלחה אין א נייע ביזנעס?**
**צוריק אנהויבן רייכערן, אדער עסן אסאך?**
**ווי אזוי איז מען מצליח צו מאכן שמחות אן הארץ ווייטאג און חובות??**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**